STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03086

TEGLEKHE MI

Mosheh Shkliar

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שקליאַר

טעגלעכע מי

יידיש בוך

פאַרלאַג „יידיש בוך" וואַרשע 1954

M. SZKLAR

POWSZEDNI TRUD

Redaktor: B. HELLER
רעדאַקטאָר: ב. העלער

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1930. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1954 r.
Ark. druk. 4,12, ark. wyd. 2,5. Papier druk. VII kl. 80 g. 61 × 86 cm.
Druk RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. 5-B-55142

מײן רעפּובליק

טעגלעכע מי

די טעגלעכע מי פון פשוטן מענטש,
וואָס שמידט און וואָס בויט, וואָס זייט און וואָס שניידט,
די טעגלעכע מי, וואָס באַהויכט איז מיט פרייד —
איך באַזינג און איך בענטש.

זי ווירקט, ווי די פרישקייט פון טוי אינדערפרי,
פאַרהיט אונדזער לעבן פון שנעלן פאַרגיין
און פלעכט עס אין מאָרגן פון הימלאַנד אַריין —
די טעגלעכע מי.

די שפּע אויף פעלדער, די ביימער אין בלי;
די אייזן-קאָנסטרוקציעס און מאַרמאָרנע ווענט;
דאָס אַלץ, וואָס עס שאַפן נאָר מענטשלעכע הענט —
גייט אויף פון דער מי.

דאָס גליק פון דער מאַמען, די רו פון עם קינד,
פון בלעטל, וואָס האָט זיך אין פענצטער צעגרינט,
באַוואַכן, באַשיצן פון שטורעם וועט זי —
אונדזער טעגלעכע מי.

די טעגלעכע מי פון פשוטן מענטש,
וואָס שמידט און וואָס בויט, וואָס זייט און וואָס שניידט,
די טעגלעכע מי, וואָס באַהויכט איז מיט פרייד —
איך באַזינג און איך בענטש.

באַרג־אַרויף

איך קלעטער באַרג־אַרויף אויף קאַרקאַנאָשן,
וואָס מיניען זיך פון גרינס און זילבער־שניי.
אַ שטערן צינדט זיך אָן און ווערט פאַרלאָשן —
אַן איינזאַמער לאַמטערן אין זאַווײ.

ס׳איז נאַכט, נאָר ס׳שלאָפן נישט די קאַרקאָנאָשן,
עס וואַכט דאָ יעדער פעלז, יעטוועדער בוים,
און כאָטש דער שטערן איז שוין לאַנג פאַרלאָשן,
איז דורכזיכטיק ווי טיול דער טונקלער רוים.

ס׳איז נאַכט, נאָר ביי דער גרענעץ דאָ פון לאַנד
די ליכטיקייט ווערט קיינמאָל נישט פאַרשווונדן,
ווי עמעצנס אַ כישופדיקע האַנט
מיט פייער וואָלט דעם הימל אָנגעצונדן.

וואָס העכער אַלץ איך קלעטער באַרג־אַרויף,
ווערט ליכטיקער און ליכטיקער די נאַכט.
און מיטאַמאָל פון וואָלקנס טויכט אַרויס
פאַר מיר מיין לאַנד, וואָס איז כסדר וואַך.

איך שטרענג דאָס אויער אָן און הער: אונטערן שניי,
ווי בלוט אין אָדערן עס שטראָמען טייכן.
באַלד ווערן זיי פון אייז־רייפן באַפרייט
און וועלן צו דעם ווייטן ים דערגרייכן;

איך שטרענג דאָס אויער אָן און הער: אונטערן שניי
גרייט אויף שוין שפּראָצנדיק די ווינטער־תּבֿואה.
באַלד וועט די פרוכט פון האַרבסטיקן פאַרזיי
אויף פרילינגדיקע פעלדער זיך צעבליען.

איך קלעטער אויפן באַרג נאָך אַלץ און קלעטער,
און ווייטער פון געהער עס גרייכט מיין בליק,
און צווישן מיניענדיקער שיין דערזעט ער,
ווי נייע הוטעס שמידן אונדזער גליק.

בריוו צו אַ יונגטלעכן אין נאָוואַ הוטאַ

דו שרייבסט: „ווער ס'וויל דעם דיכטער קענען,
מוז קומען אין דעם דיכטערס לאַנד" —
און ווילסט אַוודאי מיך פאַרשעמען
פאַר אַלץ, וואָס איז מיר אומבאַקאַנט:
פאַר יענער פרייד פון יונגן בויער,
וואָס שטייגט אַלץ העכער אויף דער וואַנט
און פילט דערביי, ווי אומגעהויער
עס איז די קראַפט פון דעם פאַרשטאַנד;
פאַר גאָר דעם גליק, וואָס שפּאַרט אין האַרץ,
ווען ס'פליסט פון אויוון גליאיק שטאָל,
ווען קוקסט זיך צו צום ערשטן מאָל,
ווי ס'שמעלצט זיך איבער אייזן-אַרץ...
און פאַר דעם הימל, פאַר די שטערן
און אויך פאַר אַלץ, וואָס האַלט אין ווערן. —

איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פריינד —
איך בין שוין אין דיין שטאָט געווען,
און דאָס נישט נעכטן און נישט היינט,
נאָר ס'וועט שוין זיין אַ יאָרן... צען.
עס איז געווען אין יענער צייט,
ווען סטאַלינגראַד האָט אויפגעשטראַלט.
געפונען האָט די שטאָט זיך ווייט —
ביים סאַמע ברעג פון טייך אוראַל.
און ווען דו פלעגסט ביינאַכט אַמאָל
אַ בליק טאָן אויפן האָריזאָנט —
דער אָפּגלאַנץ פון צעשמאָלצן שטאָל
דערמאָנט האָט שלאַכטן אויפן פראָנט — — —
דו וווּנדערסט זיך? עס קאָן נישט זיין?
ווי לאַנג איז דען אינגאַנצן גאָר
פון ליגן דאָ דעם ווינקלשטיין,
פון אויפהענגען דעם ערשטן שטאָר
אין פענצטער פונעם ערשטן הויז?
ווי לאַנג איז דען, אַז אויף דעם אָרט
געוועזן זענען פעלדער בלויז,
און זעלטן ווען אַ מענטשלעך וואָרט?

„ווי קומסט — שרייבסט דו מיר — אונדזער שטאָט
צו סטאַלינגראַד, צום טייך אוראַל —
גלייך ווי עס וואָלט געווען איין טראָט
און נישט אזוי פיל טויזנט מייל?”

זי קומט, זי קומט פון יענעם אָרט,
דו דאַרפסט עס וויסן קודם-כל,
ס'איז נאָווא הוטא — אונדזער שטאָלץ —
אַ שוועסטער פון מאַגניטאָגאָרסק.

אַ נײַער קלוב

„דאָ וועט זײַן אַ קלוב —
אַ זאַל אויף אַ טעאַטער,
צימערן צום לייענען,
דאָ אַ ביבליאָטעק
און דאָרטן,
ווייטער,
וועט זײַן אַ גאָרטן“. —
אַזוי געזאָגט האָט מײַן באַגלייטער
און געברענט עס האָבן זײַנע אויגן,
ווי די זון אין אָט דעם טאָג. —
„דאָס וועט זײַן אונדזער מתּנה
פֿאַרן יום־טובֿ פֿון אָקטאָבער,
מיר וועלן עס באַווײַזן —
מיר, עמך שער און אײַזן!“

פֿון אַדרע־טייך געבלאָזן האָט אַ קילער ווינט,
און מיר האָט זיך געדאַכט —
ער חזרט איבער, ווי אַ שלום־אַקאָרד,
איעדעם וואָרט:
„מיר וועלן עס באַווײַזן —
מיר, עמך שער און אײַזן!“

„עמך שער און אײַזן“...
איך קוק אויף מײַן באַגלייטער,
אויף די רושטאָוואַניעס,
וואָס וועלן מאָרגן זײַן אַ קלוב
מיט פֿענצטער ליכטיקע —
און דורכן ציגל־שטויב
מײַן בליק הייבט אָן צו גרייכן
צו שוועלן פֿונעם פֿינצטערן אַמאָל —
„עמך שער און אײַזן“...
אָט איז די סטאַווקי־גאַס —
אַ קעלער־שטוב מיט ווענט געהוייקערטע און נאַסע,
אַזאַ, ווי אויף אַלע שנײַדערישע גאַסן,

און ס׳שטעפּט די אַלטע „זינגער״.
די זון האָט שוין געזאָגט אַ גוטן טאָג,
פאַרשווּנדן פון דעם מאַטן פענצטער,
און אין דער שטוב בלייבט איבער בלויז דער הונגער.
אומעטיק וועט זיין די נאַכט.
דער טאַטע וועט אַוועק,
און מיר, מיר וועלן וואַרטן אין איין שרעק —
צי וועט ער קומען, אָדער...

— „איז ווי זשע מיינט איר, חבר?״ —
מיין באַגלייטער
גיט פעסט אַ דריק מיין אַקסל מיט די שניידערישע הענט —
„ס׳וועט זיין אַ קלוב — אַ פּראַכט, נישט אמת?
עס וועלן שניידערס זיך נישט האָבן וואָס צו שעמען.
ווען ס׳וואָלטן נאָר געווען אַ ביסל מער, אַט יענע
פון דער סטאַווקי, סמאָטשע און פון דזשיקע,
זיי זאָלן אויך מיט אונדזער גליק זיך קאָנען פרייען״...

פון אָדרע-טייך געבלאָזן האָט א קילער ווינט,
און מיר האָט זיך געדאַכט —
ער חזרט איבער, ווי אַ שלום-אַקאָרד,
אַיעדעס וואָרט.

מיין רעפּובליק

„די פּוילישע פֿאָלקס־רעפּובליק איז אַ רעפּובליק
פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק"

(פֿון אַריינפֿיר צו דער קאָנסטיטוציע)

אין תּפֿיסה־קעלערס
און אויף קאַטאָרגע־סיבירער,
אויף באַריקאַדן פֿון פּאַריז
און שוץ־גרובנס מאַדרידער,
אויף תּליות פֿון דער אָקופּאַציע־נאַכט, —
וווּ נאָר געפֿלאַקערט ס'האָט אַ שלאַכט
פֿאַר מענטשלעך גליק, —
איז אויפֿגעגאַנגען,
ווי דער שענסטער טרוים,
מיין רעפּובליק —
די רעפּובליק פֿון אַרבעטער און פּויער.

די רעפּובליק,
וווּ אַרבעט איז אַ זאַך פֿון ערע,
וווּ יעדער מענטש האָט רעכט אויף לערע —
מיט גליק איז יעדערער געבענטשט.
די רעפּובליק,
וווּ קינדער ווייסן נישט פֿון טרויער,
וווּ יעדע ניי געבויטע מויער
היט אָפּ די רו פֿון אַרבעטס־מענטש.

און איך, דער יידישער פּאָעט,
וואָס האָט צום ערשטן מאָל
אויף ערד דיינער
דערפֿילט דעם טעם פֿון זעט,
פֿון ברויט,
וואָס איז געקנאָטן נישט מיט בלוט,
נאָר מיט אַ פֿריידיקן געזאַנג,

זוך נאָך אַלץ און זוך
דאָס וואָרט,
דאָס סאַמע פשוטסטע און שענסטע,
ווי אויסצודריקן דיר אַ דאַנק
פאַר אָט דעם גליק —
מיין רעפובליק!

דײַן רויטע פֿאָן, פּאַרטיי

עס האָט דײַן רויטע פֿאָן, פּאַרטיי,
פֿון קינדהייט אָן באַגלייט מײַן וועג —
געלויכטן מיר אין טעג פֿון פֿרייד,
אַ טרייסט געווען אין שווערע טעג.

און הײַנט, ווען ס'גרייכט צו איר מײַן בליק,
איך זע אין יעטווידן איר פֿאַלד
אַ טייל פֿון זיך, מײַן וועג צו גליק,
וואָס זי האָט, ווי די זון, באַשטראַלט.

און לייכטער איז מיר גיין פֿאָרויס,
ווען כ'הער איר פֿלאַטער אויפֿן ווינט.
איך ווייס — ס'איז זיכער איצט מײַן הויז,
און זיכער איז אין אים מײַן קינד.

ווי שטענדיק פֿירט זי אונדז אין שלאַכט,
דײַן צונטער־רויטע פֿאָן, פּאַרטיי,
און איך שטיי ווידער אויף דער וואַך —
אַ טרייער זעלנער אין דער ריי.

ווי ווייט עס גרייכט דער בליק

נישט יעדן איז באַשערט געווען דאָס גליק,
נישט יעדן איז באַשערט געווען די פרייד
צו זיין מיט אונדז אין יאָרן פונעם זיג,
וואָס מיר האָבן צוזאַמען נאָך געגרייט.

ווייל וויפל האָבן מיט דעם אייגן בלוט
אַדורכגענעצט די היימערד פאַרן שניט,
אַז דאָרט, וווּ ס'האָט אַמאָל געפייפט די רוט,
זאָל אויפגיין, ווי דאָס ברויט, אַ פריידיק ליד.

איצט שניידן מיר די פרוכט פון צען יאָר מי,
און אַלע שטייען זיי פאַר אונדז אויפסניי,
פון זייער אָטעם פילן מיר דעם גלי,
און פעסטער שליסט צונויף זיך אונדזער ריי.

***

ווי ווייט עס גרייכט דער בליק — בלויז גאָלד און גאָלד —
דער רויש פון זאַנגען צערטלט דאָס געהער,
אָ, היימערד מיינע, כ'וואָלט אַצינד געוואָלט
זיין ביי דיר אַ קערנדל, נישט מער,

און אויפגיין זאָל איך איבער צייטן לאַנג
אויף ברייטע שטחים פון צעאַקערטע פעלד,
און זיין זאָל איך אַ בליענדיקע זאַנג,
וואָס האָט אין קאָמוניזם אויפגעהעלט.

דער ערשטער קאַנדידאַט

אויף וועג פון פּיין — דעם גורל פון מיליאָנען
געטראָגן האָט ער אין זיין האַרץ פאַרזיגלט,
און ווי אַ מויערער, וואָס גרייט א הויז זיך בויען,
צונויפגעלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל.

ווען שונאים דורך די ליגנס און פאַראַטן
געפּרווט דעם אמת האָבן פונעם פאָלק פאַרהוילן —
האָט ער, פאַרשפאַרט הינטער די תפיסה־קראַטן,
געוויזן אונדז דעם וועג צום נייעם בנין — פוילן.

אין תהום פון אָקופּאַציע־נאַכט דער שוואַרצער
עס האָט זיין מוטיק וואָרט די פינצטערניש צעריסן
און ווי אַ העלער ליכט־שטראַל אינעם ענגן קאַרצער,
דעם אָנקום פונעם טאָג געלאָזן וויסן.

פון דעמלט אונדז באַגלייט אויף אַלע וועגן
דאָס טרייע וואָרט פון אונדזער פריינד און לערער,
און ס׳איז פאַר אונדז, ווי פאַר דער ערד א רעגן,
ווי פאַרן וואַנדערער ביינאַכט — אַ שטערן.

ער האָט אונדז דורכגעפירט דורך די נסיונות
צו טעג פון בויונג, לויטערע און קלאָרע,
אין יעדן איינציקן פון אונדזערע נצחונות
נישט שווער דערקענען איז זיין מי פון יאָרן.

און היינט, ווען ער האָט פאַרן פאָלק באַוויזן,
ווי צו פאַרוואַנדלען וויטסטן טרוים אין טאַטן —
מיר שפּאַנען דרייסט צום זיג פון סאָציאַליזם,
און פאַרויס גייט ער —
דער ערשטער פון די קאַנדידאַטן.

אין זײַנע װעגן

פֿאַראַן אַ שאַרפֿער, נאָגנדיקער װײ,
אַ טרױער, װעלכער איז נישט אױסצומעסטן.
דאָס איז, װען ס'פֿעלט אַ חבֿר אין דער רײ,
װען דו פֿאַרלירסט דעם טײַערסטן און בעסטן.

נאָר װי קומט יענער טרױער צו דעם צער,
װאָס האָט באַהערשט הײַנט הונדערטער מיליאָנען?
װי קומט ער צו דעם װײטיק, װאָס צעשפּאַרט
די הערצער און פֿאַרטונקלט רױטע פֿאָנען?!

עס זענען קאָמוניסטן שטאַרק גענוג —
אַ פֿעלז איז יעדער אײנער קעגן כװאַליעס,
נאָר איצט האָט װײטיק איבערפֿולט די קרוג:
געשטאָרבן איז דער חבֿר סטאַלין — — —

אַװעק איז סטאַלין. אָבער די פּאַרטײ
פֿירט װײטער אונדז אין זײַנע װעגן.
עס שטעלן קאָמוניסטן זיך אין רײ
צו גײן אין שלאַכט, דעם נײַעם טאָג אַנטקעגן.

דער פלאַם פון אָקטאָבער

פון סמאָלני איז געקומען אַ באַפעל:
שטורעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ!
און ס׳האָט אין פּיטער אויפגעפלאַקערט העל
דער רויטער פלאַם,
וואָס ס׳האָבן נאָך מיט יאָרן צענדליקער צוריק
די שמידער פון דער רעוואָלוציע אויפגעבלאָזן.
און ס׳האָט דער פלאַם באַגלייט דאָס פאָלק
אויף שווערן וועג
פון זיג צו זיג
און קיינמאָל מער אים נישט פאַרלאָזן.

און ס׳האָט דער פלאַם
פון זיגרייכן אָקטאָבער
אַוועקגעטראָגן זיך
פון לאַנד צו לאַנד
און האַרץ נאָך האַרץ
פון אַרבעטער און פויערים דעראָבערט.

אומזיסט געפרווט האָבן די היטער פון דער נאַכט
דעם פלאַם מיט טייכן בלוט פאַרגיסן.
ווי אַ לאַווינע,
האָט אָקטאָבער זיך אַדורכגעריסן
און מיט זיין ליכט באַהעלט
די גאַנצע וועלט.

און מיר, וואָס האָבן דעם אָקטאָבער־פלאַם
מיט פרייד באַגעגנט,
טראָגן ווייטער צו דער צוקונפט אים
אויף אַלע וועגן.

פרייד געגוג

וויפל מאַיען, וויפל יאָרן
זענען מיר שוין דורכגעגאַנגען,
וויפל פרייד און וויפל צאָרן
אין די לויטערע געזאַנגען.

וויפל פרילינגס, וויפל זומערס,
טויאיק־מילדע אינדערפריען,
וויפל שיינע, צאַרטע בלומען
האָבן אָפּגעוועלקט אין בליען.

וויפל וואַסער אין די ימען
איז שוין פאַר דער צייט פאַרפלאָסן;
וויפל האָבן מיר שוין צאַמען
דורכגעבראָכן און פאַרגאָסן.

און עס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן
יונג דאָס ליד אויף אונדזער גומען,
פרייד געגוג אויף בויען, ליבן,
האס — אויף שונאים בייצוקומען.

מוראַנאָוו

אַט זע איך זיך, אַ קינד אויף גאַסן ענגע,
ווו ס׳טרוימען ביי לבנה־שיין פּיאָנערן:
דאָ וועלן מיר די רויטע פאָן פאַרהענגען,
ווען ס׳וועט מוראַנאָוו צו דעם פאָלק געהערן.

און ווען פּיאָנערן זענען רייף געוואָרן,
פאַרפּילנדיק די קאָמוניסטן־רייען,
עס האָט באַגלייט זיי יענער טרוים דורך יאָרן
קאַמפן און געראַנגלען פאַר דער פרייהייט.

...און באַלד באַווייזט זיך מיר די געטאָ־מויער,
ווו יעדער ציגל איז געווייקט אין בלוט.
פון אַלע ווינקעלעך דער טויט דאָ לויערט,
נאָר איך הער איצטער דרייסטע, שטאָלצע טריט.

דאָס גייען די, וואָס ברעכן אַלע צוימען,
מיט יעדער רגע ווערן זיי אַלץ מער.
פאַרהאַנדלען וועלן זיי אין וואָר די טרוימען —
דאָס גייט די האָפענונג אַליין — די פּפּר.

דאָס גייען שמידט און לעוואַרטאָווסקי יוסף
מיט שנאה צו דעם הענקער אָנגעצונדן,
זיי ברענגען גרוסן אונדז פון שלאַכטן גרויסע,
וואָס מילדערן דעם ווי און היילן וווּנדן...

און אָט זע איך זיך שטיין אינצווישן פלאַמען,
עס הילן איין מיך פייערדיקע צונגען,
פון ערגעץ ווייט דערנענטערט זיך מיין מאַמע,
און באַלד ווערט זי אין פייער־שיין פאַרשלונגען.

אין יענער רגע, פאַרן לעצטן ציטער,
אין פלאַמען־שיין, אין שטויב פון דער צעשטערונג,

האָט אויפגעלויכטן אַ געדאַנק — אַ שפּליטער:
און דאָך מוראַנאָוו וועט צו אונדז געהערן!

— — — — — — — — —

איצט הערן זיי אַלץ ווייטער, יענע פלאַמען,
און זייער אָרט פאַרנעמען בילדער פרישע:
עס הייבן זיך אַלץ העכער רושטאָוואַניעס
פון אונדזער נייעם מוראַנאָווער ישוב.

דער אָדלער

מאיר שטיין האָט איבערגעלעבט די היטלער־אָקופּאַ־
ציע אין וואַרשע, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין אַ
טויבנשלאַג. אין דער פּוילישער אונטערערדישער
באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן,
האָט ער געטראָגן דעם פּסעוודאָנים „אָדלער“.
(פון אַ גבית עדות)

געקומען איז ער פונעם ראַנד פון די תהומען —
פון סטאַווקי און דזשיקע, פון סמאָטשע און מילע,
און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פלאַם פון נקמה,
וואָס קאָן שוין מער קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט שטילן.
פאַרפאָלגט האָבן אים דאָ אין נעסט פון די טויבן
דער אָפּהילך פון הייזער, וואָס האַלטן אין פאַלן,
די קרעכצן פון ברידער, דערשטיקטע דורך שטויבן
פון גאַזן אין בונקערס און וואַסער־קאַנאַלן.
און ווען ער האָט דאָ ביי דעם שיין פון די שטערן
געגרייט זיינע גרויע בוקעטן — גראַנאַטן,
פלעגט ער אין דער שטילקייט פון אָוונט דערהערן
דאָס וויינען פון שוועסטער, פון אלטיטשקן טאַטן,
געפירטע צום אומשלאַג.

אַוועק איז שוין אַלץ דאָ מיט רויך און מיט פייער,
געבליבן איז קיינער נישט צווישן די חורבות,
און בלויז אין די נעכט קומט אַהער חבר מאיר —
דער „אָדלער“ מיט זיינע גראַנאַטן, און באַרוועס,
אַז ס'זאָלן די טריט האָ די שטילקייט נישט שטערן —
ער לייערט אַ שטומער אויף ווילדע היענעס,
וואָס קומען אַהער מיטן טויט זיך דערנערן —
און יעדן פאַרטאָג, ווען די זון הייבט אָן ברענען
און שטייגט אויף פון הינטער די ווייסלשע ברעגן,
פאַרגאָסן אין געטאָ מיט בלוט זענען וועגן, —
און ווידער איז וואַך אונדזער „אָדלער“.

— גוט־מאָרגן אייך, טייבעלעך, ווייסע און גרויע! —
אַזוי פֿלעגט באַגריסן דער אָדלער די טויבן
נאָך נאַכטישן וואַנדער, ווען ער האָט זיין טרויער
צום הייליקן אַקט פֿון נקמה דערהויבן.
און זיי, די אומשולדיקע טויבן די ווייסע,
געקוקט אויף אים האָבן מיט מענטשלעכע בליקן.
געדאַכט האָט זיך אים, אַז עס קוקן די מתים
פֿון גריבער אַרויס און זיי מאָנען: דערשטיקן,
דערווערגן זאָלסט דו יעדן פֿיינט, יעדן איינעם,
וואָס האָט נאָר אַ חלק אין טויט פֿון מיליאָנען!
און ער האָט אין נאַכטישן וואַנדער נישט קיינעם
געשוינט, נישט פֿאַרגעסן די מערדער דערמאָנען
דאָס גרויסע פֿאַרברעכן.

מיט ווייטיק אין האַרצן און רוף פֿון די דורות,
מיט בלוט אין די אויגן און קראַפֿט אין די פֿינגער,
ביים שיין פֿון מיליאָניקע שטערן־מנורות,
אַוועק איז ער יעטווידע נאַכט, ווי אַ זינגער,
וואָס האָט נאָך זיין ליד ביזן סוף נישט דערזונגען,
פֿאַרעקשנט אַזוי — נאָכן בלוט פֿון דעם שונא!
און יעדן באַגינען, ווען גאָלדענע רינגען
פֿון זון־ליכט געשפּילט האָבן זיך אין זיין וווּנדונג —
געווען איז ער מיט די טויבן.

אַזוי איז באַגינען אַוועק נאָך באַגינען,
ביז איינמאָל עס זענען פֿאַרשוווּנדן די טויבן
פֿון נעסט, דעם באַהאַלטענעם צווישן רואינען,
ווי עמעצער וואָלט דאָ געקומען באַרויבן
דעם „אָדלער" פֿון לעצטער באַרירונג מיט לעבן.
געזוכט האָט ער דעמלט אין הימלען די גרויע
די פֿריינד, וועלכע פֿלעגן באַגינען דאָ שוועבן,
פֿון דעמאָלט אַראָפּגעווײַנט שטיל האָט דער טרויער,
און טראָפּן נאָך טראָפּן געקלאַפּט האָט דער רעגן
אין הילצערנעם דאַך פֿון דער אָדלערשער פֿעסטונג.
ס'איז ערגעץ נישט ווייט אַ געפֿאַר דאָ געלעגן.

און ערגעץ חאָ נאָנט האָט געפּאַר זיך גענעסטיקט —
געפילט האָט דער „אָדלער".

— — — — — — — — — —

אין יענעם באַגינען האָט רויט זיך צעצונדן
דער וואַרשעווער הימל פון אַלע פיר זייטן,
און ס'איז מיט די פלאַמען דער „אָדלער" פאַרשוונדן —
זיין אַש בלויז די ווינטן צעשפּרייטן...

צו י. ל. פּרץ

I

דער אַלטער מאַרק איז מער נישטאָ שוין,
מען רופט נישט מער: אין שול אַריין!
און דאָך — דאָס פאָלק, זיין יידיש לשון,
ווי דיין געזאַנג — וועט נישט פאַרגיין.

אָ, גרויסער פּרץ, האָסט געהערט,
ווי באַנטשע אין זיין שווייגן — שרייט!
אַז נישט אין הימל, נאָר אויף ערד
צערייסט דאָס פאָלק די פאָליש־קייט...

פאַרשוווּנדן איז דער אַלטער מאַרק,
די ווענט אויף חורבות שטייען שטום.
נאָר נישט אינצווישן באַרג און באַרג
שוועבט היינט דיין פרייער גייסט אַרום.

דיין גייסט שטייגט אויף אויף אונדזער ערד
אין אַרעאַל פון קאַמף געהילט,
און ס'ווערט פון דיין געזאַנג גענערט
דאָס ליד, וואָס פירט צום גרויסן ציל.

II

פאַראַנען ווערטער, וועלכע דויערן דורך צייטן,
און אַלע מאָל זיי מונטערן און וועקן,
מיט קיין שום אַנדער וואָרט דו וועסט זיי נישט פאַרבייטן —
אַזאַ געווען איז דיין זאָג —
„אויב נישט נאָך העכער!"

און היינט, ווען אונדזער גאַנג איז שבת־יומטובדיק באַפליגלט,
ווען ס'קאָן איעדע הויכקייט אונדזער טראָט דערגרייכן,
עס איז דיין וואָרט אין הארצן מיינעם טיף פאַרזיגלט
און הייסט כסדר מיך די טאַט מיט מעגלעכקייט פאַרגלייכן —
אויב נישט נאָך העכער!

ביים ים

אויף רויטן האָריזאָנט עס פֿינטלט זיך אַ ווייסער פֿלעק —
אַ העלער דרייעק
צום ים־ראַנד צוגענעגלט.
די כוואַליעס איינגעשטילטע טוליען זיך צום ברעג,
אויף זייער רוקן פּלאַטערט אויף אַ זעגל.

אַ ווינט האָט אָנגעטראָגן זיך פֿון ערגעץ ווייט,
אַ כמאַרע אויסגעשפּרייט
אויף טונקלער ים־פֿלאַך.
הער — די כוואַליעס שעפּטשען שטילערהייט —
די זון פֿאַרגייט. נאַכט.

אַ האָגל

דער טאָג פאַרגייט, כאָטש ס'איז נאָך פרי,
כאָטש ווייט איז נאָך די נאַכט.
די זון פאַרלעשט איר פלאַמען־גלי,
אַ שוואַרצער וואָלקן וואַכט.

אַ שטילער ווינט וויגט איין אַ בוים,
דער וואַלד דאָס וויג־ליד הערט.
דער טייך, באַדעקט מיט ווייסער שוים,
די רואיקייט צעשטערט.

דעם הימל, ווי אַ לייוונט העל,
פון ליכטיקייט און בלוי געמעל
דער וואָלקן קומט פאַרשטעלן.

באַלד ווערט צעשטערט דאָס העלע בילד —
די ערד אין נעפל איז געהילט,
און ס'פאַלן זילבער־קרעלן.

און ווידער איז שטיל ארום מיר

און ווידער איז שטיל ארום מיר,
דאָס הארץ קלאפּט נאָך אַלץ, ווי אַמאָל.
נאָר כ׳וועל מער נישט הערן דיין קול,
דו וועסט מער נישט קלאפּן אין טיר.

אָ, ליבסטע, ווו ביסטו אצינד?
ווי גוט איז צו טרוימען פון דיר
און וויסן, אַז אַלץ, וואָס כ׳פאַרליר,
פאלט, ווי א זוים אויפן ווינט,

אַז אַלץ ווערט פארהיט פון דער צייט,
און פונקט ווי די זון, וואָס פארגייט
און לאָזט נאָך זיך שפּורן פון רויט,

אזוי וועט שוין שטענדיק אָן רו
אין הארץ ביי מיר בלייבן בלויז דו,
די שיין פון דיין בליק — אויף מיין הויט.

ווי פארגעסט מען?

אַלץ וועל איך פאַרגעסן:
די ליכטיקע מעת־לעתן,
וואָס כ׳האָב מיט דיר פאַרבראַכט ביינאַנד;
די רגע,
ווען כ׳האָב געאַנט —
אַן אַנדערן געהערט דאָס גליק.

אַפילו יענע נאַכט,
די וווּנדערלעכע נאַכט אין וואַלד,
ווען מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז איך פאַרהאַלט
דעם לויף פון טעג און יאָרן,
אַז אַלע שטערן אויפן הימל
זענען בלויז פאַרליבטע פּאָרן
און איך און מיט דיר — די בלענדנדיקסטע שטערן —
אַפילו יענע נאַכט וועל איך פאַרגעסן.

נאָר ווי פאַרגעסט מען יענע אויגן,
וואָס הענגען אייביק איבער מיין געמיט,
ווי פאַרגעסט מען, ווי פאַרגעסט מען? —
העלף מיר, ליד!

אויף בערג

איבער מיר דער הימל,
וואָלקנס גרויע,
פלעקן בלויע.
אונטער מיר —
אַ גרינער וואַלד.

איך שטיי אויף בערג
אינמיטן וועלט —
געקריצטע ווערק
פון שטיין
און פון גראַניט.
אַריבער מיר עס העלט
די זונען־שיין
אַדורך די גרויע כמאַרעס,
ווי אַ ליכטל
לויכט דורך שפּאַרעס
פון אַ חרוב הויז.

אַריבער מיר דער הימל.
וואָלקנס גרויע,
פלעקן בלויע.
אונטער מיר —
אַ גרין צעבליטע,
אַנגעגליטע
ערד.

פאַר שלום און פרייהייט

לייענענדיק די בריוו פון עטל און יוליוס

1. אין סינג־סינג

...הגם די ארעסטאנטן טאָרן נישט צוגיין צו מיר,
זאָגן זיי מיר כמעט אלע אַ גוט־מאָרגן.

יוליוס

דריי טריט אין דער ברייט און פיר אין דער לענג,
און קראַטעס אויף קראַטעס, און שטאָלענע ווענט.
און צווישן די קראַטעס — געמאָסטענע טריט,
און צווישן די קראַטעס — א ליד.

אזוי איז אוועק א טאָג נאָך א טאָג,
אַזוי איז אוועק א יאָר נאָך א יאָר,
און יעטוועדעס ליד געווען איז א גלאָק,
און יעטוועדעס וואָרט געוועקט האָט א דור.

נאָר שטיל איז געווען צווישן ווענט פון סינג־סינג,
אַהער איז דערגאַנגען דער שטורעם אין לאַנד
דורך יעדן באַהאַלטענעם שמייכל און ווינק
און דורך א גוט־מאָרגן פון ארעסטאַנט...

2. דאָס פאַרגעלטע בלאַט

...אפילו דאָס בלאַט מיט דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, וואָס כ׳האָב דעם 4־טן יולי 1951 אַרויסגענומען פון „ניו־יאָרק טיימס“, איז פאַרגעלט געוואָרן דורך דער צייט.

י ו ל י ו ס

די צייט האָט געל געמאַכט דאָס בלאַט,
פאַרוועלקט אויף דעם
איז וואָרט און וואָרט.
פון יעדער שורה
קוקט אַרויס פּאַראַט,
פון יעדער שורה —
מאָרד.

און שורות
מיניען זיך אין בלאַסער שיין,
באַלד וועלן זיי
פאַרגיין, פאַרגיין,
און בלייבן וועט
די נאַכט.

יוליוס וואַרפט אויף זיי
צום לעצטן מאָל
זיין מידן בליק
און לייענט:

„אַלע מענטשן
ווערן געבוירן, ווי גלייכע...
מיט רעכט אויף לעבן,
פרייהייט, גליק.“

3. לאָמיר איצט שווייגן

טייערסטע, לאָמיר איצט שווייגן,
מיין וואָרט האָט פארלוירן פון ווערט.
לאָמיר זיך ביידע פארנייגן
פאַר גרעסטער ליבע אויף ערד.

לאָמיר זיך ביידע פארנייגן
פאר מענטשלעכן מוט און פאר זיי.
טייערסטע, לאָמיר איצט שווייגן
און לערנען זיך ליבשאפט פון זיי.

4. צוויי פון זעקס מיליאָן

מיר זענען נישט די ערשטע קרבנות פון דער
טיראַניע. זעקס מיליאָן פון אונדזערע גלויבנס-
ברידער און מיליאָנען אַנדערע קרבנות פון פאַשיזם
זענען געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט.

יוליוס

איך שרייב די שורות אין אַפּריל,
דורך שוואַרצן טינט געדאַנקען פליסן.
אַרום איז נאַכט. אַ ווינטל. שטיל.
נאָר ס'ווערט די שטילקייט אויפגעריסן.

אַ פייערשיין אויף הימל-ראַנד.
געשריי און יאָמער. קאַנאָנאַדע.
אין פלאַמען שטייט די געטאָ-וואַנט,
עס קעמפט די לעצטע באַריקאַדע.

פון איין זייט גרייפט דער טויט שוין אָן —
פאַרגיסט די גאַסן, ווי אַ קראַטער,
פון צווייטער זייט אַ רויטע פאָן,
אין רויך און אַש שטאָלץ זי פלאַטערט.

און ביי דער פאָן אין מאָרגן-בלוי —
נישט די באַקאַנטע געטאָ-העלדן.
עס שטייען מוטיק מאַן און פרוי.
אַ טויט דעם טויט זיי קומען מעלדן!

און ס'הילט זיי איין אַלץ מער דער רויך,
עס לעקן זיי שוין פייער-צונגען.
נאָר זיי, זיי וואַקסן אין דער הויך,
און ס'קאָן דער טויט זיי נישט באַצווינגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָב איך אין פיבער-נאַכט,
ווען כ'האָב געמישט פון בוך די בלעטער,
פון טויטן-שטול אַראָפּגעבראַכט
די ראָזענבערגס אין געטאָ...

5. א קללה דעם קאַט

ווידער און ווידער אַמאָל
איך בלעטער דאָס ביכל מיט כּריוון,
און ס'האַכט מיר — איך הער זייער קול
אין זיך ערגעץ טיף.

און ס'ווייטיקט מיין הארץ מיטן ווי,
וואָס בלוטיקט פון יעטוועדן בלאַט.
אין האַלדז ווערט פארשטיקט א געשריי —
א קללה דעם קאַט!

פאר זייער פארשניטענעם גליק,
וואָס האָט ערשט געהאַלטן אין בליען,
פאר פיין אין דעם ליכטיקן בליק
פון זייערע זין,

פאר שענסטן טרוים אויף דער ערד,
וואָס ס'האָבן צוויי מענטשן געהאַט,
און ער האָט מיט טויט-שטראָם צעשטערט —
א קללה, א קללה דעם קאַט!

6. „פּאַר שלום, פּאַר ברויט און פּאַר רויזן"

ווי וווּנדערלעך שיין איז דער טרוים:
„פּאַר שלום, פּאַר ברויט און פּאַר רויזן".
אויף ערד אַ געוואָרפענער זוים —
ער גייט אויף אין אונדזער יאָרטויזנט.

דו קאָנסט אים דערזען אין מיין שטאָט
אויף פּנים פון יעטוועדער מאַמען;
אין זיכערן, מוטיקן טראָט
פון די העלדישע שלאַכטלייט וויעטנאַמער;

אין מאָסקווע — דעם האַרץ פון דער וועלט
ער שיינט פון די קרעמלשע שטערן;
אין רויש פון די זאַנגען אין פעלד
זיין ווידערקול וועסטו דערהערן.

אין האַרץ פון פּשוטן מענטש —
ביים האָדסאָן, ביים ברעג פון דער סענע —
וואָס איז מיט דער גוטסקייט געבענטשט —
דו וועסט אים דערקענען.

— — — — — — — — — — — — — —

און ווען עס וועט זאַט זיין די ערד
מיט רויזן, מיט ברויט און מיט שלום, —
זאָל ווידער דאַן ווערן דערהערט
די ראָזענבערגס חלום.

מאַרטינסוויל

.1

ווי די שאַרף פֿון תּליונס האַק,
געפֿאַלן איז דעם ריכטערס וואָרט:
שולדיק! —
פֿראַנסיס גרייסאַן האָט פֿאַרגוואַלטיקט —
דזשאָן טיילאָר האָט פֿאַרגוואַלטיקט —
דזשאָ הימפּטאָן —
בוקער מילנער —
דזשאָ הימפּטאָן —
האָוואַרד הערסטאָן —
פֿראַנק האַריסטאָן האָט פֿאַרגוואַלטיקט.
זייער גורל —
טויט.

און ס'האָבן אויפֿגעזילבערט טראָפּנס שווייס
אויף שוואַרצער הויט
פֿון מאַרטינסווילער נעגער,
און זיי זענען אוועק
מיט אומשולד און מיט האַס
צו זייער לעצטן וועג.

און ער,
דער ריכטער,
וואָס האָט פֿאַרגוואַלטיקט די גערעכטיקייט,
דעם נאָמען מענטש,
מיט וואָרט דעם איינציקן,
וואָס איז געפֿאַלן,
ווי די שאַרף פֿון תּליונס האַק —
אַוועק איז אָפּקילן דעם דורשט נאָך בלוט
מיט קאַלטן אָראַנזש.

.2

אין מאַרטינסוויל, אין מאַרטינסוויל
איז איצטער טרויעריק און שטיל.
נאָר אין דער פֿינצטערניש פֿון נאַכט
האָט עמעצער א טרייסט געבראַכט.

ס'האָט זיך דערהערט דאָס דרייסטע קול
פֿון גוטן נעגער־ברודער פּאָל
און דורכגעטראָגן זיך אויף גיך:
„ניעט יאַ נאַס ני טשאָרניך, ני צוויעטניך!"

און ס'האָט פֿאַרשטאַנען מאַרטינסוויל —
אויב שטאַרבן, איז פֿאַר אָט דעם ציל!

קאָזשעדאָ

כ׳ווייס נישט, צי איר האָט געהערט אַמאָל דאָס ליד:
„...קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה”.
נאָר איך האָב עס דערקענט אין אייער מוט —
ברידער מיינע, העלדן פון קאָזשעדאָ.

כ׳האָב עס דערהערט אין ציטער פון עפּיר,
וואָס טראָגט דעם עכאָ פון יעטוועדן קלאַנג,
און ווידער אויפגעגאַנגען איז אין מיר
דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסענע געזאַנג.

און ווידער האָט מיין האַלדז געשטיקט דער רויך,
און ס׳איז מיין גוף געוואָרן ברוין-און-בלאָ,
ווען ס׳האָט פאַרמאָסטן זיך אויף אייך דער טויט —
ברידער מיינע, העלדן פון קאָזשעדאָ.

נאָר אונדזער מוט איז שטאַרקער פונעם טויט,
און פונקט ווי וואַרשע, ווייסט עס קאָזשעדאָ.
דאָרט, וווּ די פאָן האָט אויפגעפלאַטערט רויט —
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה!

פאַר זיי וועט קיין אָרט אויף דער ערד מער נישט זיין

פאַר די, וועלכע האָבן געשענדעט דעם מענטש,
און געטאָס אין אונדזער יאָרהונדערט געבויט,
פאַר די, וועלכע האָבן די מערדער געבענטשט,
געשעפּט זייער גאָלד פון די חורבות און טויט,
פאַר די, וועלכע האָבן געשטעלט זייער קאָרט
אויף רויב און פאַרברעכן, אויף שווינדל און מאָרד,
פאַר די, וועמענס גליק איז די מענטשלעכע פּיין —
פאַר זיי וועט קיין אָרט אויף דער ערד מער נישט זיין!

עס רויבערן קומענס אין אונדזערע שטעט,
אין יעטוועדער שטוב איז דאָ ברויט צו דער זעט,
און פון דאָרט גייט ארויס יעדעם מאָל אינדערפרי
דער מענטש צו זיין טעגלעכער פרידלעכער מי,
אַזוי ווי א גערטנער, וואָס פלעגט יעדן בייט,
ער ארבעט מיט פליים און מיט אמתער פרייד —
איז ווער ס׳וועט אין גאָרטן א וואָרף טאָן א שטיין,
פאַר דעם וועט קיין אָרט אויף דער ערד מער נישט זיין!

איך וועט נישט פאַרוואַשן דאָס בלוט פון די הענט,
עס האָט יעדער מענטש אייער פּרצוף דערקענט:
די קאָרעישע מאמע, דאָס קינד פון וויעטנאַם,
דער מאַלאַישער קעמפער, וואָס קומט אום אין פלאַם,
דער ייד און דער נעגער, דער שפּאַנישער העלד,
דער רוסישער מענטש, וואָס טראָגט פרייהייט דער וועלט,
דער פּויער, וואָס אַקערט זיין ערד ביי דעם ריין —
פאַר אייך וועט קיין אָרט אויף דער ערד מער נישט זיין!

די ערד, אונדזער ערד, איז נאָך שלום פאַרבענקט —
און ווער עס וועט שטערן — זי ווייסט און געדענקט.
עס וועלן די פעלקער באַצאָלן דערפאַר
אַזוי ווי עס קומט — מיט א טאָפּלטן שכר.
אייך אַרט נישט קיין טרער היינט, קיין מאַמעס געוויין,
נאָר ס׳וועט קומען דער טאָג, עס וועט שלאָגן די שעה,
און גרויזאַם דער משפּט פון פעלקער וועט זיין —
פאַר אייך איז קיין אָרט אויף דער ערד מער נישטאָ!

איבערזעצונגען

וולאדימיר מאַיאַקאָווסקי

גוט

(פראַגמענטן)

ס'האָט
אָקטאָבער,
ווי שטענדיק
מיט ווינטן געווייעט,
ווי ס'ווייעט
ביים קאַפּיטאַליזם.

הינטערן טראָיצקער
האָבן
טראַמווייען
זיך ווי געווײנלעך
אויף רעלסן
באַוויזן.
אונטער דער בריק
דער נעווא־טייך.

איבער דער נעווא —
פענער־געפלאַטער...

נישט אויסהאַלטן וועט
דער ווינטער־פּאַלאַץ
דעם שטורעם
פון די קראַנשטאַטער.

אין אַ וואַגזיניקן אויטאָמאָביל,
פייל אויסן בויגן,

שטיל,
ווי אַ טרומפּייט
אַ פֿאַרשטאָפּטער,
הינטער גאַטשינע
פֿאַרקריכנדיק,
האָט דער „געוועזענער" געצויגן:

„שטעלן
אויף די קני זיי,
די צעבונטעוועטע שקלאַפֿן!..."

ס'קוקן
שטערנדיקע אויגן,
דעם ווינטער־פּאַלאַץ
נעמענדיק
אין צוואַנגען,
איבער דער מילאָנער
רוקן אָן זיך
באַטאַליאָנען פֿון די פֿלאַנגען.

און אין סמאָלני,
וועגן קאַמף און מיליטער
פֿאַרטראַכט,
איליטש מעסט
דעם שנעלן טראָט.
ביי דער מאַפּע
שטייט פּאָדוואָיסקי
און צייכנט
יעדעס אָרט פֿון שלאַכט,
וואָס גייט אָן אין שטאָט.
גיב די מאַכט
מיט גוטן
בעסער,

וועסט סייווי

אומקומען!

יעדעס מאָל

עס ווערט אַלץ גרעסער

די אַרמיי

וואָס גייט

דעם ווינטער־פּאַלאַץ שטורמען

און דאָרט,

אין ווינטער־פּאַלאַץ,

אין שטולן ווייכע

מיט בראָנז באַצירט

זיצן

מיניסטאָרן

בלייכע

שמעקנדיקע,

גלאַט ראַזירט

אויף זיי קוקט מען נישט,

קיינער הערט זיי נישט —

פון אַלע

זיי זענען פאַרלאָזן

זיי ווילן,

זיי איבערגעצייטיקטע באַרן,

אַראָפּפאַלן,

זיי נאָר

ס׳וועט דער ווינט

זיי צעבלאָזן.

אַ וואָרט — אַ שעה

מיט געמורמל,

דערשראָקן

— קערענסקי איז דאָ?

— ער?

— אַוועק נאָך קאַזאַקן. —

און ווידער שטיל.

און בלויז
פאַרנאַכטצו:
— ווו איז פּראָקאָפּאָוויטש?
— פּראָקאָפּאָוויטש ז'נישטאָ. —
און פון הינטער דער ניקאָלאַיעווער
טשוהונענער בריק
ס'פּאַלט
פון האַרמאַטן
אוואַראַער.

ווי טויט,
זייער
שטאָלענער
בליק.

און אַט
איז הויך
אַריבערן קראַגן
אויסגעוואַקסן
קאָנאָוואַלאָווס געזיכט.
הער רויש.
וואָס האָט פריער
געהאַלטן אין שטייגן,
האָט איצט
אַ שטראָם געטאָן גיך
ווער איז אַזוי הויך?...
דערגרייכן געקאָנט!
אין די שויבן
האָט,
ווי מיט שטעקנס, דערלאַנגט.
דאָס האַבן
פון דרייצאַליקע
אַ זעץ געטאָן
די פּעטראָפּאַוולאָווער סאָלדאַטן.
און שפּעטער
האָט די שטאָט

ווי אויפגעריסן:
ס'האָבן אויסגעשאָסן
פון אווראָרא
די זעקסצאָליקע האַרמאַטן.
און אָט,
ווען אין לופטן
עס האָט
נאָך אַלץ
דער גרויזאַמער עכאָ
געלאָזן זיך הערן —

האָט איבער דער פעסטונג
אַ בלענד געטאָן
אַ לאַמטערן,
צום אויפשטאַנד דער צייכן.

— נידער!
צום שטורעם!
פאָרויס!
צום שטורעם!
זיי זענען אַריין.
אויף די דיוואַנען!
אונטער באַגילדטע סופיטן!
יעדעם טרעפּל,
יעדן טורעם
זיי האָבן גענומען,
שפּרייזנדיק
איבער קאַדעטן.
שטראָמענדיק
איבער די שטאָקן,
ווי וואַסער,
ביי יעדן קריבן
זיי האָבן זיך ווידער
צוזאַמענגעשלאָסן,
און דער קאַמף
האָט אויפגעפלאַמט

װאָס אַמאָל הײסט־

בײ יעדן דיװאַן,

בײ יעדער סאָפע.

דורך דער

אַמפּילאַדע,

װו מען פלעגט זיך פאַרנײגן

פאַר די מאָנאַרכן

מיט גאָלדענע קרױנען —

דורך באַדעקטע מיט סאַמעט

קאָרידאָרן און זאַלן

האָבן געטראָטן

מיט זײערע שטיװל

פּראָסטע פּאַרשױנען.

עס שטײט

אַ דערשראָקענער

הינטישער זון,

און איבער אים

אַ פּוטילאָװיעץ —

די אױגן צעבליצט:

„דו, בחורל,

גיב אָפּ

דעם געגנבעטן זײגער —

זײגערס

געהערן

צו אונדז איצט!"

דער רױש איז געװאַקסן

און האָט

די דרײצן*

צעקװעטשט,

פאַרטריבן,

צעטראָטן,

צעריבן.

אין זיך

---

* די דרײצן מיניסטאָרן פון דער צײטװײליקער רעגירונג.

— איינגעגראָבן
וואָס טאָן מיט די קרייצן?
ווי אַ האַק
וואָלט אויף קעפּ
ביי זיי העַנגען געבליבן.
צוויי הונדערט טריט נאָך...
דרייסיק...
צוואַנציק...
עס לויפט אָן אַ יונקער:
„זיך שלאָגן
נישטאָ מער קיין ווילן!"
דרייצן געשרייען:
— גענוג!
גיט זיך אונטער! —
און אין דער טיר —
קורטקעס,
פּעלצלעך,
שינעלן...
און אין דער־אָ
שטילקייט
האָט אַ מעַכטיקער
באַס
אָפּגעהילכט
איבער די וויטן:
„ווער איז דאָ אַ צייטווייליקער?
אויף דער גאַס!
ס'האָבן געענדיקט זיך אייערע צייטן"...
און אין סמאָלני
האָט דער המון
אין פרימאָרגנדיקער שיין,
מיט בלוזעס
פון שוויים דורכגענעצטע,
צום ערשטן מאָל
שטאָט:
— דאָס וועט זיין... —

גענוגגען:

— דאָס איז

שוין דער לעצטער...

אַ קאַלטער ווינטער.

עס פרירט דער באָדן.

נאָר בלויזעס

קלעפּן צו דעם לייב זיך.

און די בלויזעס קאָמוניסטן.

האָלץ זיי לאָדן.

אויף דעם „סובאָטניק” היים איז.

מיר'ן נישט אַוועק,

כאָטש צום

אַוועקגיין

אַלע רעכט מיר האָבן.

אין אונדזערע וואַגאָנען,

אויף אונדזערע וועגן,

אונדזער

האָלץ

מיר לאָדן.

מען קאָן

אַוועק

אַ זייגער צוויי, —

נאָר מיר'ן

שפּעט אַוועקגיין.

פאַר אונדזערע חברים

איז אונדזער האָלץ —

נייטיק:

די חברים פרירן.

ס'א שווערע אַרבעט,

די אַרבעט

מאַטערט.

פֿאַר איר —
באַקומסט נישט קיין צווייער.
נאָר מיר
ארבעטן,
גלייך מיר וואָלטן
שאַפֿן דאָ
אַ וווּנדערלעכע עפּאָפּייע.

מיר ווילן אַרבעטן,
אַלץ פֿאַרטראָגנדיק,
דאָס לעבן זאָל,
פֿון טעג די רעדער יאָגנדיק,
לויפֿן
אין אייזערנעם מאַרש

אין אונדזערע וואָגאָנען,
אויף אונדזערע סטעפּעס,
אין אונדזערע
פֿאַרפֿרוירענע
שטעט.

מאַקסים טאַנק

דאָס וואָרט פון פּאָעט

(פראַגמענטן)

צווישן לויכטנדע שטערן
שיינט ליכטיק ארוים
פון סאָוועט-רעפּובליקן
מיין לאַנד, ווי אַ רויז.
ביי די ברעגן פון דניעפּר
און חווינע עס ליגט,
דאָרט, וווּ ביאלאָוועזשער
סאָסנע זיך וויגט,
וווּ ריזיקע וואַלד-שטחים
שפּרייטן זיך קלאָר,
וווּ אויף פעלדער
עס הערט זיך דער רויש
פון טראַקטאָר,
וווּ אין הייכן קאָן שוועבן
דער טרוים פון סאָקאָל,
וווּ עס לעבט זיך אַ דרייסט
און אַרבעטזאַם פאָלק,
וווּ דער ווינט
מיט רום פּאַרטיזאַנישן קלינגט,
וווּ קופּאַלאַס און קאָלאַסעס
לידער מען זינגט.

...אין לאַנד ביי אונדז
חורבות מען זעט נאָך, —
אַ שפּור פון דער בראַנד-צייט,
אַ צייכן פון קריג.
נאָר ס'שטייען אויף שטעט שוין
פון פייער און נויט,
און ס'רוישן שוין גאָרטנס,
וווּ אַש האָט געגרויט.
עס הייבט זיך דער ווייץ שוין,

עס בליט קאַק־סאגיז,
מיר לייגן אַ וועג דורך
צום קאָמוניזם!

... ברידער!
וועמען ס׳איז טייער
פרידן און רו,
מענטשלעכע פריינדשאַפט,
די בלויקייט, וואָס העלט,
דער פרילינג,
וואָס קלינגט איבער רחבות פון פעלד,
וואָס רוישט
מיט די יונגינקע צווייגן פון בוים,
די פרוידיקע יוגנט,
פון קינדער דאָס גליק,
אין נאַכטיקער שטילקייט
דאָס ליד ביי דער וויג —
מיר — די קעמפער פאַר אמת —
אַ האַנט אייך דערלאַנגען.
מיר — העלדן סטאַלינגראַדער —
אַ האַנט אייך דערלאַנגען,
מיר — סאָוועטישע מענטשן —
אַ האַנט אייך דערלאַנגען.
ס׳וועט קיינער שוין קיינמאָל
נישט מיט שווערד, נישט מיט פלאַם
אונדזער פריינדלעכן האַנט־דרוק
נישט צערייסן.
מיר באַגריסן
דעם אויפגאַנג פון פרידלעכער זון.
און זאָלן נישט מיינען
די פיינט פונעם שלום,
די זון צו פאַרשטעלן
מיט זייער טומאַן.

ווער צו פריינדשאַפט וועט שטרעבן,
אונדזער פריינדשאַפט געפינט,

ווער צום אמת וועט שטרעבן,
אונדזוער אמת געפינט,
ווער צו לידער וועט שטרעבן,
אונדזוער ליד ער געפינט.
נאָר ווער שטורעם וועט זייען,
דער וועט שניידן ווינט.

שטים פון שלום,
איבער וועלט
סיי ביינאַכט, סיי ביטאָג,
פארניכטנדיק צוימען,
זיגרייך זיך טראָג!
נישט פארהאלטן וועט דיך
אויף קיין גרענעץ קיין וואך,
ווען דו דורכרייסן זיך
דורך דער פינצטערער נאכט.
נישט פארהאלטן וועט דיך
נישט קיין הייך,
נישט קיין טייך,
נישט דער קאלטער באגנעט,
נישט קיין פייער און רויך.
מיט שטורם און זאווײ
דו טראָגסט זיך פארביי
איבער ברעג פון ניו־יאָרק,
איבער דאָקן און פאָרטן,
איבער בינע
דעם אויפגאנג פון פרייהייט זאָגסט אָן,
אין אייראָפּע
דו פלאטערסט אויף העל־רויטער פאָן.

איז הילך איבער ערד
אלץ שטארקער,
אַלץ העכער,
שטים פון שלום,
רוף
פון מענטשן מיליאָנען!

ראסול גאַמזאַטאָוו

איינמאָל פֿאַרטאָג

איינמאָל פֿאַרטאָג
געפֿרעגט האָט מיך די מאַמע צאַרט:
— זאָג מיר, זון מיינער,
וועס איז אויפֿסניי באַדראָט דער שלום?
איך האָב טרערן היינט געזען אין חלום,
איך הער עס רוישט,
איך האָב די טיר פֿאַרשפּאַרט.

— נישט שרעק זיך, מאַמע,
זאָל אַט דער גערויש
דעם שלאָף ביי דיר ביינאַכט נישט רויבן —
דאָס קוואַקען זשאַבעס אין דער בלאָטע
און ווילן אָנשרעקן
די ווייסע טויבן.

מיעטשיסלאַוו יאַסטרון

אָדע צום 1טן מאַי

הײנט זענען, װי מאַשטן פֿון פֿאָנען — די בײמער,
און הימל עס שפּיגלען זיך אָפּ הײנט די פֿאָנען.
פֿון אײן ליכט באַהעלטע די פֿנימער שײנען,
און יעדערנס טראָט איז דער טראָט פֿון מיליאָנען.
פֿאָרױס, צו דעם מאַרש פֿון די מענטשן און פֿעלקער!
אױף קרױנען פֿון קאַשטאַנעס ברענען די בלומען.
דער בונד פֿון מיליאַרד טראָגט דעם אמת דעם העלן,
עס רופֿט דער פֿאַרבאַנד פֿון די הערצער און פֿאָנען.
עס רױשן די פֿאָנען — א װאַלד פֿון פּראָטעסטן,
געשריבן מיט בלוט קעגן טױט און מלחמה.
הײבט העכער די פֿאָנען, צו נײַע פֿאַרמעסטן.
דאָס רױטס פֿון די פֿאָנען — אַנטקעגן מלחמה.
דו װעסט, פּראָלעטאַריער, שױן קײנמאָל, שױן קײנמאָל
נישט זײַן קײן האַרמאַטן־פֿלײש מער פֿאַר די רײַכע.
דאָס ליד האָט געזאָגט: דאָס װעט זײַן שױן דער לעצטער,
און אָט איז דער לױן — עס זאָגט דאָס ליד װײַטער.
געװעזן מלכים. זײ זענען געפֿאַלן.
און מאָרגן עס װעלן פֿאַרשפּילן מאַגנאַטן
פֿון ערדן, פֿון קױלן, פֿון נאַפֿט און מעטאַלן,
די מעכטיקע הערשער פֿון לענדער און שטאַטן.
אָ, װעכטער פֿון פֿרילינג, פֿון ליכט די פֿאַרהיטער,
מיר זינגען דעם מאַי־הימן מיט פֿרײד און געלעכטער.
אױף אונדז שפּיגלט אָפּ זיך דער טאָג מיט זײַן ציטער,
פֿאַרװאַנדלט אין שפּיגלען אױך אונדזערע װערטער.
טאָ זאָל מיט זײַן שאָטן דער בױם אונדז דערנערן,
װי איך מיט מײַן ליד בין אײך נער[n] געקומען.
טראָגט הױך איבער זיך דעם רױטן שטערן,
טראָגט הױך איבער זיך די רױטע בלומען.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

זכרונות פון אן ארעסטאַנט

די נאַכט איז שוואַרץ, און ס׳טונקלע הויז
הילט איין דער שלאָף, נאָר א געשריי
ביי מענטשן אומרו רופט ארויס.
זיי רייסן אויף זיך אין געוויל
און ווילן לויפן, נאָר קייטן־קלאַנג
דערמאָנט אין שונאס איבערמאכט,
דאַן ווערט די הערצער אזוי באַנג —
זיי בלייבן וואכן איבער נאכט.

און פעליקס שלאָפט נישט איצט. ער שרייבט,
און ווערטער פליסן שנעל און גלאַט,
אַט רייסט ער איבער, רייבט די שלייף,
לייגט איין אן אויפגעשריבן בלאַט,
צום צווייטן גרייכט ער, הייבט דעם בליק —
אויף יענער זייט א פויגל וואכט,
ווען ס׳הילכן אָפּ דעם וועכטערס טריט,
פארשווינדט דער פויגל אין דער נאכט.

די וועכטער קריגן זיך ארום,
עס האַקט די האַק, און אויפן אָרט
פון אונטער הובל פאלט דער שפּאָן.
ס׳געוויש פארהילכט איעדעם וואָרט,
און פעליקס הערט, כאַפּט אויף דעם קלאַנג
און ווייסט זיין שרעקלעכן באַדייט,
ער הערט דורך ווענט — א מענטש עס צאנקט,
ער הערט דורך ווענט — א טויט־געשריי.

און יעדע נאַכט דער הובל יאָגט,
און יעדע נאכט מען פירט צום טויט,
און ווען ס׳קומט אָן דער קילער טאָג,
און ערשטער שטראַל צעשטראַלט זיך רויט —

ביים ציטאדעל־מויער א גרוב,
און ס׳פליען שפּענער צו זיין ראַנד,
און ס׳שטייט א תליה אָדער גאָר
א ריי פון תליות ביי דער וואַנט.

און בלויז דער ווינט ער טראָגט אוועק
דעם לעצטן שריי, און טראָגט אים, טראָגט...
עס דאַכט זיך שוין, ס׳איז שטיל, נאָר אָט,
ער הייבט זיך ווידער און ער יאָגט
און לויפט אַלץ ווייטער, ס׳דאַכט זיך, אַז
אויף שטאָט ער הענגט און צוימען ברעכט,
מיט שטורעם צייכנט ער די טעג,
מיט רוף צו שלאַכט ער צייכנט נעכט.

און וועקט דאָס פאָלק פון טיפער פּיין,
דרינגט דורך וואַרשטאַט און דורך פאַבריק,
און פעליקס ווייסט, ר׳איז נישט אליין —
ס׳וועט קומען ווען דער טאָג פון זיג
און פריי דאָס פויליש־פאָלק וועט זיין
(ס׳האָט ווער די ריגלען אויפגעריסן),
ער קוקט אין שויב: דורך קאַלטער שיין
עס שיקט א בלייכער שטראַל א גרוס אים.

אַדאַם וואַזשיק

דער וועג פון דורות

האָס יאָר נײַנצן־פינף האָט געפּאַכעט מיט פאָנען מיט רויטע
אויף הימל פון קינדהייט, אַריבער אומצאָליקע מאַסן.
א שילער געכאַפּט האָט א טינטער און גלייך אים געוואָרפן
אין בילד פונעם צאַר אויף דער וואַנט איבער קאָפּ פונעם לערער.
אַזאַ איז געווען דער סוף פון דער פּיינפולער קינדהייט,
פון איר וועט בלויז בלײַבן דער נייגער פון פּאַסטעך, נישט מערער.

און שפּעטער הייבט אָן זיך די יוגנט פון מויערער, זעצער.
ביים וועגעלע וואַפּנע, ביים דרוק, אָפּט אָן עסן, אָן שלאָפן
פאַרברענגט ער אין קרייזלעך פון יוגנט, וואָס שטורעמט דעם נעכטן,
ער פּעסטיקט די קרייזלעך. אין אויגן די וועלט זיך צעעפנט.
די ריזיקע מאַסן אין קלאַס און אין פאָלק זיך פאַרפלעכטן.

אַרמייען פאַרפולן אָקאָפּעס. און איידער דער זעצער
באַווייזט דורכן שטורעם פון קריג לעגינס וואָרט צו דערהערן,
ער שרייבט אין די אויפרופן וועגן מלחמה דעם אמת, —
אָן עכטער לעניניעץ. און דעמלט הייבט אָן זיך זיין רייפקייט,
פאַרפאָלגט דורך די פיר פּאָליצייען, געפייניקט אין קאַרצערס,
נאָר קיינמאָל נישט איינזאַם. ס'איז דאָ די פּאַרטיי — זי געדענקט אים.
אַרעסט אין זאַגלעמביע, פינף יאָר אין דער טורמע פון ראַוויטש,
נאָר ס'ליגט די אידעע, ווי א פריינדלעכע האַנט אויפן האַרץ אים.

ס'מאַרשירן אַרמייען, און ס'טרעטן אויף פעלדער די טאַנקען,
אין נאַכט פון פאַשיזם זעט ער שוין די לויטערע כוואַליעס.
ער ווייסט, ס'וועלן קומען די זעלנער — שליחים פון סטאַלין,
ער רופט זיי אין נאָמען פון פּוילן, וואָס בלוטיקט אין וואונדן,
און לייענט די צוקונפט ביז וואַנען די נאַכט וועט פאַרשווינדן.

קיין רגע פון צווייפל און אויך נישט קיין רגע פון אָפּרו.
אין האַוויטש געטראַכט האָט ער שוין, ווי די קאַדרן פאַרהיטן,
אין יאָרן פון צריקטריט דערמוטיקט די יוגנט, די מאַסן.

פֿאַראייניקט די כּוחות, דאָס וועלק ריַיפֿט איצט אָן מיט די יאָרן,
און וואָר ווערט דער חלום — דער קלאַס איז פֿאַראייניקט געוואָרן...
ווער ס'קוקט מיט פּאַרטייִאישע אויגן, דער טיילט אָפּ די קערנער
פֿון פּליעווס, א פֿעלער פֿאַרריכט ער, אויף שולדיקע ווייזט ער.
דריי רעוואָלוציע-דורות אין איין געוויסן זיך קומען צוזאַמען,
דורך איין מויל זיי רעדן און פֿירן אַרום מיט איין פֿינגער
איבערן פּלאַן, איבער הוטעס און ערד פֿונעם אָרעמען פּויער,
דריי רעוואָלוציע-דורות אין איין זאָרג עס ווערן פֿאַראייניקט,
און זייער איז דער נצחון, זיין אייביקער דויער.

דאָס פֿאָלק איז אריין אין בעלי־ועדער. עס וואַכט אויף איצט וואַרשע,
די נאַכט-שיכט פֿון מויערער ווערט שוין פֿאַרטוישט מיט א טאָג-שיכט,
עס גייען אַהיים אין פֿרימאָרגן די זעצער און פּייפֿן,
און הינטער דער שטאָט, וווּ ס'באַווייזט זיך נאָך איצטער נישט קיינער,
א פּשוטער פּאָסטעך שפּריַיט אויס „פֿאַן טאַדעוש” אויף שטיינער.

אינהאַלט:

זייט

מיין רעפּובליק

טעגליכע מי	7
באַרג-אַרויף	8
בריוו צו א יוגנטלעכן אין נאָוואַ-הוטאַ	9
א בויער קלוב	11
מיין רעפּובליק	13
דיין רויטע פאָן, פּאַרטיי	15
ווי ווייט עס גרייכט דער בליק	16
דער ערשטער קאַנדידאַט	17
אין זייטע וועגן	18
דער פלאַם פון אָקטאָבער	19
פרייד וועגנוג	20
מיראַנאָוו	21
דער אָדלער	23
צו י. ל. פרץ	26
ביים ים	27
א האָגל	28
און ווידער איז שטיל ארום מיר	29
ווי פארגעסט מען	30
אויף בערג	31

פאַר שלום און פרייהייט

לייענענדיק די בריוו פון עטל און יוליוס

1. אין סינג-סינג	35
2 דאָס פאַרגעלטע בלאַט	36

3. לאָמיר אויס שווייגן 37
4. צווייי פון יעקב מיליאָן 38
5. א קללה דעם קאַט 39
6. „פאַר שלום, פאַר ברויט און פאַר רויזן" 40
מאַרטינסוויל 41
קאָזשעדאָ 43
פאַר זיי וועט קיין אָרט אויף דער ערד מער ניט זיין . . . 44

איבערזעצונגען

וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי — גוט 47
מאַקסים טאַנק — דאָס וואָרט פון פּאָעט 56
ראסול גאַמזאַטאָוו — אײנמאָל פאַרטאָג 59
מיעטשיסלאַוו יאַסטרון — אָדע צום 1-טן מאַי 60
סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי — זכרונות פון אַן אַרעסטאַנט . . . 61
אַדאַם וואַזשיק — דער וועג פון דורות 63